# איינשפּריצן דעם JYNNEOS וואקסין וויניגער טיף אין די הויט

## צוויי וועגן צו גיבן דעם JYNNEOS וואקסין

דער JYNNEOS וואקסין וואס באשיצט פון מאנקיפּאקס (monkeypox, MPV) קען יעצט געגעבן ווערן אין צוויי וועגן: 'סאַבקיוטעניוס' — טיפער אונטער די הויט, אדער 'אינטראַדערמעל' — אינמיטן די הויט. בעפאר דעם איז דער וואקסין נאר געגעבן געווארן אונטער די הויט. דער זעלבער וואקסין ווערט גענוצט פאר ביידע וועגן, אבער ווען עס ווערט געגעבן אינמיטן פון די הויט ווערט נאר א קלענערע דאזע גענוצט (א פיפטל פון וואס עס פעהלט זיך אויס צו גיבן אונטער די הויט). דערפאר מיינט דאס אז דער וואקסין ווערט געגעבן אין די הויט אז מער מענטשן קענען וואקסינירט ווערן.

- ווען דער וואקסין ווערט **געגעבן טיפער אונטער די הויט**, ווערט עס איינגעשפריצט אין א טיפערע שיכט אונטער די הויט וואס רופט זיך די 'סאַבקיוטעניוס' שיכט. דאס איז די וועג וויאזוי אנדערע וואקסינען ווערן געגעבן, אריינרעכנענדיג די טשיקענפאקס און די מיזלס, מאַמפּס און רובעלא (measles, mumps and rubella,) (MMR) וואקסינען. די טיפערע JYNNEOS איינשפריץ ווערט געווענטליך געגעבן אין די אויבערשטע ארעם.
- ווען דער וואקסין ווערט **געגעבן אינמיטן פון די הויט**, ווערט עס איינגעשפריצט אין א מער אויבערשטע שיכט פון די הויט וואס רופט זיך די 'דערמיס'. די דערמיס שיכט האט א העכערע צאל פון צעלן וואס 'צינדן אן' די אימיון סיסטעם אין פארגלייך צו די סאַבקיוטעניוס שיכט, און דאס מיינט אז א קלענערע דאזע פון דעם וואקסין קען געגעבן ווערן צו באקומען אן ענליכע מאס פון שוץ. איינשפריצונגען אינמיטן פון די הויט ווערן געווענטליך גענוצט צו טעסטן מענטשן פאר טובערקולאזע און פאר אלערגיעס.



שיכטן פון די הויט



סאַבקיוטעניוס קעגן אינטראַדערמעל

די וויניגער טיפע JYNNEOS איינשפריץ ווערט געווענטליך געגעבן אין די אונטערשטע ארעם. די נאדל ווערט געהאלטן נאענטער און מער פאראלעל צו די הויט. דער וואקסין ווערט איינגעשפריצט ביז עס זעהט זיך אן א קליינע בלאסע בלאז אויף די הויט. **אויב די בלאז באווייזט זיך נישט ביי א מענטש, זאלן זיי באקומען נאך א דאזע — פרעגט דער וואס גיבט אייך דעם וואקסין אויב איר זעהט נישט די בלאז.**

די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע ארבעט צו זיכער מאכן אז אלע מענטשן וועלכע גיבן די וואקסינען האבן די נויטיגע טרענירונג צו העלפן זיכער מאכן אז די איינשפריץ אינמיטן די הויט ווערט געטוהן ווי עס דארף צו זיין. דאס איז וויכטיג, ווייל די קלענערע דאזע וואס ווערט גענוצט פאר א וויניגער טיפע איינשפריץ וועט ווארשיינליך זיין צו א קליינע דאזע אויב עס ווערט בטעות איינגעשפריצט צו טיף.

באזירט אויף די וויסנשאפט איבער וואקסינען אין אלגעמיין גלויבן אז עקספערטן אז ביידע וועגן פון גיבן דעם וואקסין זענען זיכער און וועלן גיבן אן ענליכע מאס שוץ.

NYC Health

## זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס)

מידקייט, קאפווייטאג און ווייטאגן אין די מוסקלען קענען געשעהן נאכן באקומען דעם JYNNEOS וואקסין, סיי אונטער און אינמיטן די הויט. ביידע וועגן פון באקומען דעם וואקסין פאראורזאכן געווענטליך רויטליכקייט, געשווילעכץ, ווייטאג און קראצן ביי די פלאץ פון די איינשפריץ; אבער די רעאקציעס זענען געווענטליך ערגער און האלטן אן לענגער ווען דער וואקסין ווערט געגעבן אינמיטן פון די הויט. אין איין שטודיע האבן כמעט אלע מענטשן וועלכע האבן באקומען דעם וואקסין אינמיטן פון די הויט געהאט שווערע רויטליכקייט און געשווילעכץ (מער פון איין אינטש גרויס), און בערך א דריטל פון זיי האבן געהאט מילדע רויטליכקייט און אנדערע קאלירן ביי די פלאץ פון די איינשפריץ וואס האבן אנגעהאלטן פאר זעקס חודשים אדער לענגער.


קילויד־וואונד

צוליב די זארג אז איינשפריצן אינמיטן די הויט קענען פאראורזאכן 'קילויד' (keloid) וואונדן (דיקע וואונדן וואס שטעקן זיך ארויס און קענען זיין פינק, רויט אדער די זעלבע קאליר אדער טונקעלער פון די הויט ארום עס), רעקאמענדירט די צענטערס פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention, CDC) אז מענטשן וועלכע האבן אמאל געהאט קילויד וואונדן זאלן געגעבן ווערן דעם JYNNEOS וואקסין טיפער אונטער די הויט. מענטשן מיט טונקעלערע הויט (מער מעלאנין), באזונדערס אפריקאנער-אמעריקאנער, לאטינאָ און אזיאנע מענטשן און מענטשן צווישן 20 און 30 יאר אלט האבן גרעסערע אויסזיכטן צו באקומען קילויד וואונדן. די מענטשן וועלכע גיבן דעם וואקסין וועלן פרעגן מענטשן אויב זיי האבן א היסטאריע פון קילויד וואונדן, און מענטשן וועלכע האבן אזא היסטאריע וועלן געאפפערט ווערן א טיפערע איינשפריץ.

ביים נעמען אין באטראכט די זייטיגע ווירקונגען (סייד עפעקטס) פון וואקסינאציע איז עס וויכטיג צו אנמערקן אז עס זענען דא אויסזיכטן פון וואונדן און פון פערמאנענטע ענדערונגען צו די הויט אויב איר באקומט MPV אליין.

## ווי גוט ארבעטן די וואקסינען

דער JYNNEOS וואקסין שטודיעס האבן נישט אריינגערעכנט מענטשן וואס זענען למעשה אויסגעשטעלט געווארן צו MPV. וויבאלד דאס איז די ערשטע גרויסע אלוועלטליכע אויסברוך פון MPV, האבן מיר נאר באגרעניצטע ציפערן פון ווי גוט יעדע וועג פון די איינשפריץ וועט ארבעטן אין עכטע באנוץ אין די יעצטיגע אויסברוך. דערפאר איז דאס וויכטיג צו פארזעצן צו נאכפאלגן פארמיידונג אנווייזונגען אפילו אויב איר זענט שוין וואקסינירט געווארן.

דער באשלוס פון די CDC און די עסן און דראג אדמיניסטראציע (Food and Drug Administration, FDA) צו אריבערגיין צו וויניגער טיפע וואקסינאציע איז באזירט אויף איין שטודיע אויף 524 מענטשן. די שטודיע האט געפונען אז איינשפריצן דעם JYNNEOS וואקסין טיפער אדער וויניגער טיף אין די הויט האבן געברענגט ענליכע שטאפלען פון אנטיבאדיס אין מענטשן. אנטיבאדי שטאפלען איז איין וועג צו מעסטן ווי גוט א וואקסין ארבעט. צו לייענען די שטודיע, באזוכט **pubmed.ncbi.nlm.nih.gov/26143613**.

## וויכטיגע פונקטן

- ✓ דער JYNNEOS וואקסין איז א וויכטיגע מיטל צו באשיצן מענטשן קעגן MPV.
- ✓ וויניגער טיפע, 'אינטראַדערמעל' וואקסינאציע וועט ערמעגליכן מער מענטשן צו וואקסינירט ווערן, און דאס מיינט אז מער מענטשן קענען זיין באשיצט. עס איז זיכער, און עס גיבט אן ענליכע מאס שוץ ווי די טיפערע, 'סאָבקיוטעיניוס' איינשפריץ.
- ✓ איר האט העכערע אויסזיכטן צו באקומען רויטליכקייט און געשווילעכץ ביי די פלאץ פון די איינשפריץ מיט די וויניגער טיפע וואקסינאציע; עס קענען אויך זיין לאנג-טערמיניגע, פערמאנענטע קאלירן אדער וואונדן ביי די פלאץ פון די איינשפריץ, באזונדערס פאר מענטשן מיט טונקעלערע הויט.

באזוכט **on.nyc.gov/JYNNEOS-faq** פאר מער אינפארמאציע איבער דעם JYNNEOS וואקסין.